מערכת
# בחצרות
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות קדשינו די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ערש"ק פ' ויגש | ו' טבת | תשע"ב | מגילה: ו:

## באריכטן:

פארגאנגענעם ליל שב"ק האט מרן רבינו שליט"א געפראוועט שלחנו הטהור אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יעקב צבי פריעדמאן הי"ו פון וויליאמסבורג. מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יעקב יושע פריעדמאן הי"ו פון בראזיל.

ביי די תורה האט זיך דער רבי שלט"א געשטעלט אויף'ן פסוק גשו נא אלי, וואס רש"י זאגט הראה להם שהוא מהול און אויסגעטייטש בדרך דרוש איבער די מחלוקה פון יוסף מיט די ברודער'ס.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר שלום יצחק יאקאבאוויטש הי"ו פון וויליאמסבורג, מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יצחק ראזענבערג הי"ו ס. ראה"ק.

מיט ברהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען בנו הגה"צ ר' יואל שליט"א רב ביהמ"ד בית ברוך, עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הייליגן שינאווע רב זי"ע וועמענס יארצייט עס געפאלט די וואך.

ביי די פירות די וואך האט מען אריינגעברענגט פאר'ן רבי'ן שליט"א קארשן און עפל – אנדערש ווי געווענליך, ווען דערביי האט מרן רבינו שליט"א ערקלערט פאר די בחורים אז עס איז אין די פארגאנגענע וואכן אנשטאנען א כשרות-פראבלעם בנוגע די טרויבן, און די חברי וועד הכשרות דקהלתינו הק' אין וויליאמסבורג זענען אריין אל הקודש פנימה צום רבי'ן שליט"א פארגאנגענעם דאנערשטאג נאכט העעל"ט, און געוויזן פאר'ן רבי'ן שליט"א איבער ווערים וואס ווערט געפונען לעצטענס אויף די טרויבן, און אפילו נאכ'ן וואשן די טרויבן בלייבט נאך אלס אסאך ווערים, און אלס ספק פון איסורי דאורייתא'ס דארף מען זיך אצינד אפהאלטן פון עסן טרויבן ביז עס ווערט קלארגעשטעלט די מצב דערפון.

מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יצחק מארקאוויטש הי"ו.

ביי די דברות קודש ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויף די פסוק ועתה אל תעצבו ואל יחר בעיניכם כי מכרתם אותי הנה און אויסגעטייטשט בדרך מוסר בעניני לימוד התורה.

נאך מעריב און הבדלה אום מוצש"ק איז מרן רבינו שליט"א ערשינען אין היכל ראזענבערג ווי עס איז דאן פאהרגעקומען דער סדר "ושננתם לבניך" ווי הונדערטער טאטע'ס מיט קינדער האבן געלערנט אינאיינעם, און דערביי האט דער רבי שליט"א געשעפט אן עונג רוחני פון אט דעם מחזה הוד, און דאן האט דער רבי שליט"א אנגעוואונטשן פאר די עסקנים החשובים ובראשם מוה"ר אברהם שמואל פריעדלאנדער הי"ו וועלכע פירן אהן מיט'ן פראיעקט מיט אזא איבערגעגעבנקייט.

࿐•࿐

## בקודש פנימה

נעכטן נאכט בעת דער רבי שליט"א האט געזעגענט דעם ציבור אנ"ש בביתו נאוה קודש זענען די תלמידי ישיבה וויאלעפאל פון פלעטבוש – וועלכע האבן געוויילט בצל הקודש אויף שב"ק – אריין אל הקודש פנימה מקבל צו זיין ברכת קדשו פון מרן רבינו שליט"א.

࿐•࿐

היינט נאכמיטאג האט דער רבי שליט"א פארלאזט קרית יואל אויפן' וועג צו קענעדי לופט-פעלד ווי דער רבי שליט"א האט געדאווענט מעריב ביים זמן, אין א ספעציעל צוגעשטעלטער צימער וועלכער איז אהערגעשטעלט געווארן מיט די שתדלנות פון הרב ארי' לייב גלאנץ הי"ו און העסקן ר' יואל אייזדארפער הי"ו, און תיכף נאך מעריב איז דער רבי שליט"א ארויף אויפן פליגער ווי דער רבי איז אפגעפלויגן א לאס אנדשעלעס פון ווי דער רבי שליט"א וועט אי"ה ממשיך זיין דעם וועג אויף פאלם ספרינגס, און וויילן דארט אויף אפרוה ביז זונטאג פ' בא הבעל"ט – ווי געמאלדן.

פאר וויכטיגע אנגעלעגנהייטן קען מען רופן צום הויז-בחור אויף 917-378-3387.

***-יציאת צדיק מן העיר עושה רושם-***

࿐•࿐

## אנשי שלומינו אין אנטווערפען שטיצן "כולל עצי חיים" לצדקת רמבעה"נ

אין די טעג ווערט בקרב קהלתינו הק' אין אנטווערפען יצ"ו אדורכגעפיהרט די יערליכע אקציע לטובת דעם הייליגן כולל עצי חיים לצדקת רבי מאיר בעל הנס בארה"ק, ווי אנשי שלומינו ווערן זיך אנרופן מיט ווארעמע סכומים ביד רחבה וברוח נדיבה להחזקת הכולל.

מאנטאג נאכט וועט אי"ה פארקומען די מסיבה להחזקת הכולל אין שטוב פון הר"ר שלום יצחק שעהר שליט"א, ווי אלע משתתפים מיטן סכום פון 25 יורא וועלן באקומען א שיינע מתנה, און אלע משתתפים מיטן סכום פון הונדערט יורא וועלן באקומען א הערליכע זילבערנע מתנה.

***-אלקא דמאיר עננו-***

࿐•࿐

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:

BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.